בעזהשי"ת

# ספר

# בשר גלאט כשר בזמן הזה

## אינהאלט

דער ספר איז געווידמענט מיט'ן-ציהל איבערצו-ווייזען פאר די מאסען:

**א.** צו ווייזען פאר'ן עולם א טייל פון די איבלען וועלעכע קומען פאר ביי די הכשרים פון פליישען.

**ב.** דער ציגאנג פון די קצבים יוניאן ווען די רבנים ווילען אויפדעקען דעם אמת וועגן כשרות פון פלייש.

**ג.** שרעקליכער טעראר וואס ווערט אנגעפירט קעגען די רבנים וואס האבען זיך ארויסגעשטעלט קעגען פלייש.

**ד.** א טייל פון די ליסט פון די רבנים ואדמורים פון היינטיגען דור וועלעכע האבען קיינמאל נישט געגעסען בהמה פלייש אין אמעריקא.

**ה.** דינאמישע טעראר קעגען הגה"צ מדעברעצין שליט"א בעמ"ח ספרי שו"ת באר משה ט' חלקים.

**הוצאה שלישית**

ברוקלין נוא יארק ... שנת תשמ"ז

**א דין תורה ווערט פארופען — רבנים ווערן איבערצייגט אז מען שעכט נישט מער ווי 54 בהמות אין צוויי שעה אינדערצייט ווי די רעגירונג (גאווערמענט אינספעקשאן) זאגט עדות אויף לערך 50 בהמות א שעה.**

**די ארטיקלען וועלכע שפיגלען אלעם אפ. (פאסט** אויף די דאטומס פון ארטילקען)!

## 1. גאווערנמענט דאקומענט: (שחיטת גלאט כשר)

PRODUCTION DATA FOR SELECTED MEAT AND POULTRY PLANTS UNDER
FEDERAL INSPECTION FOR JANUARY 1977 THROUGH JUNE 1977

4. Establishment Number 45 
Linden Packing Co., Inc.

| Month | Cattle Slaughtered | Hours Operational | Average Cattle per Hour |
|---|---|---|---|
| Jan | 5,927 | 120.25 | 49.29 |
| Feb | 7,501 | 149.00 | 50.34 |
| Mar | 9,554 | 195.75 | 48.81 |
| Apr | 6,776 | 148.25 | 45.71 |
| May | 8,429 | 174.75 | 48.23 |
| Jun | 7,974 | 165.50 | 48.18 |
| Total | 46,161 | 953.40 | 48.42 |

# טומעל וועגן כשרות פון „גלאט כשר'ע" פליישן נאך אלץ דאס געשפרעך פון טאג אין בארא פארק און וויליאמסבורג

אין בארא פארק און אין וויליאמסבורג האט זיך דעם חול-המועד נאך אלץ געטומלט ארום די דיסקוסיעס פון דעם „ועד הכשרות" אין דעם קונטרס „מדריך לכשרות", אז דאס פליש וואס ווערט פארקויפט אלס „גלאט כשר" איז נישט נאר וואס ס'איז נישט גלאט כשר נאר ס'איז דא א גרויסע שאלה צי דאס פליש איז בכלל כשר.

נישט געקוקט אויף דעם וואס א גרופע פראמינענטע רבנים וואס גיבן די הכשרים אויפ'ן פליש, האבן טעלעפאניש געפאדערט פון אנדערע רבנים מען זאל מעלדן אין די בתי מדרשים אין זייערע שבת הגדול דרשות, אז דער „מדריך לכשרות" גיט נישט קיין אמת'ע אינפארמאציע, האבן די מערסטע רבנים נישט געמאכט אזעלכע דערקלערונגען און געווארנט, אז עס זאל פארקערט מען א דין תורה צווישן די פירער פון „ועד הכשרות" און די רבנים בעל מכשירים וועגן פעסטשטעלן ווער עס איז גע-

און אנדערע קהילות האט מען געלאזט וויסן, אז טראץ די באשולדיקונגען פון דעם „מדריך לכשרות" איז דאס פליש כשר למהדרין אן קיינע שאלות, אבער אין די ליטווישע שוהל'ען און בתי דרשים אין וויזשניץ, בעלז, באבאוו, גער, סטאלין, ליובאוויטש, סקווער און אנדערע קהילות איז נישט אויסגערופן געווארן און ווי מען גיט איבער ווארטען די אויף דעם באשלוס פון די רבנים ביי א דין תורה, וועגן כשרות פונ'ם פליש.

עס ווערט אויך איבערגעגעבן, אז די קלאגען, אז דער דעברעציניער רב האט זיך צוריקגעצויגן פון די באשולדיקונגען פון „מדריך לכשרות" און האט חרטה געהאט אויף די אויפטרעטונגען, אז עס וועגן פאראן ערנסטע שאלות וועגן דעם פליש, זענען „אבסאלוט פאלש". עס איז אפגעווישן געווארן, אז דער דעברעציניער רב האט בפירוש געזאגט אין זיין שבת הגדול דרשה, אז ער האט נישט קיין חרטה און ער איז גרייט צו קעמפן ביז'ן סוף פאר'ן כשרות פון די פליישן. אין א סך קרייזן האט מען אויסגעדריקט גרויס שטוינונג ווי געוויסע לייט קענען פארשפרייטן אזעלכע קלאגען קעגן דעם דעברעציניער רב ווען ער האט קלאר און דייטליך דערקלערט, אז ער ציט נישט צוריק און האט נישט חרטה אויף דעם וואס עס שטייט אין „מדריך לכשרות", און אז ער האט נישט מורא פאר קיין טעראר.

אין דער זעלבער צייט ווערט איבערגעגעבן, אז דער וואווידיסלאווער רב האט דערקלערט, אז דעם „מדריך לכשרות" דארף מען פארברענען „פונקט ווי מען פארברענט חמץ און אנדערע שמוציגע מאגאזינען".

דערווייל ווערט איבערגעגעבן, אז קעגן דעברעציניער רב ווערט געפירט א שווערער טעראר, פאר זיין שטעלונג. אויך אנדערע מיטגלידער פון „ועד הכשרות" ווערן טעראריזירט. א מיטגליד פון ועד הכשרות האבן די כוליגאנעס טעלעפאנירט לעצטן דאנערשטאג ארום און ווען זיין קינד האט געזאגט, אז ער איז נישט אין דער היים האט דער אנאנימער רופער געהייסן זאגן דער פרוי פון דעם רב, אז איר מאן איז שטארק פארוואונדעט געווארן אין אן עקסידענט און האלט ביי שטארבן. ביז די פרוי האט געהערט פון איר מאן האט זי געהאט גרויס הארץ ווייטאג און געליטן שרעק ביז איר מאן האט זיך צוריקגעקערט פון בדיקת חמץ אין זיין אפיס און געזאגט, אז דער טעלעפאן רוף איז געווען א טייל פון דעם טעראר, וואס ווערט געפירט קעגן יעדן איינעם וואס גייט נישט אין שפאן און פאדערט א תיקון אין כשרות.



הרב ר' משה שטערן שליט"א, דער דעברעצינער רב

.3 אַלגעמיינער זשורנאַל פרייטאַג, אַפּריל 8, 1977

# אסיפה פון רבנים ביים פּאַפּער רב וועגן שחיטה נישט צושטאַנד געקומען

לעצטען דאָנערשטאָג אַזויגער נאָכמיטאָג האָט געדאַרפט פאַרקומען אַן אסיפה ביים פּאַפּער רב פון אַ געקליבענער גרופּע רבנים און שוחטים וועגן דער שחיטה קאָנטראָווערסיע, וואָס האָט לעצטענס אויפגערודערט די חרדישע קרייזען אין וויליאַמסבורג און באָראָ פּאַרק. דער מיטינג איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען צוליב אַ רייע אורזאַכען. ביי דער אסיפה האָבען זיך געזאָלט באַטייליגען דער סיגעטער רב, דער דעברעצינער רב, דער קאַשויער רב, דער קאַסאָינער רבי און דער סאַמבאַטהעלער רב. ביי דער אסיפה האָט דער פּאַפּער רב געוואָלט אויסהערןביידע צדדים און קומען צו אַן אויסגלייך וועגן דער גלאַט כשר'ער שחיטה. אָבער נאָך דעם ווי עטליכע רבנים האָבען גענומען שטעלן באַדינגונגען איז בטל געוואָרען די אסיפה, אויף וועלכער איז באַשלאָסען געוואָרען מיט אַ טאָג פריער, לעצטען מיטוואָך. איינער פון די באַדינגונגען איז געווען, אַז דער ועד הכשרות זאָל זיך נישט טרעפען מיט די שוחטים.

דערווײַלע איז נישט באַשטימט געוואָרן אַ דאַטע אויף אַן אַנדערער אסיפה. ס'ווערט איבערגעגעבען, אַז דער סיגעטער רב איז אַפּגעפאָרן קיין מיאַמי ביטש און כל זמן ער איז אויסער ניו יאָרק קען מען נישט מאַכען קיין מיטינגען.

אין דער זעלבער צייט ווערט איבערגעגעבען, אַז לעצטענס האָט דער ווינער רב אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין. שעכט־הויז און זיך איבערצייגט, אַז די שחיטה ווערט דורכגעפירט כדת וכדין למהדרין. דער נירבאַטאָרער רב האָט געזאָגט, אַז ער האַלט, אַז אַ סך אידען ווערען נכשל פון דער איצטיגער השגחה אויף שחיטה און דעריבער פאָדערט זיך אַ תיקון כדי צו פאַרמיידען דעם מכשול אין דער גלאַט כשר'ער שחיטה. ברבים אַרויס מיט אַ פאָדערונג, אַז ער וויל מבדר זיין די פאַרלעסליכקייט פון דער שחיטה.

אין אַ צווייטער אַנטוויקלונג איז באַקאַנט געוואָרען, אַז דער נירבאַטאָרער רב, הרב ר' חנני' יום טוב ליפּע טייטעלבוים איז אויך הרב ר' משה ביק האָט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין בוינע. ביידע רבנים האָבען געזען, אַז בעת זייער באַזוך זענען געשאָכטען געוואָרן אין צוויי שעה צייט נאָר 54 בהמות.

פון די 54 בהמות וואָס זענען געשאָכטען געוואָרען זענען בלויז 10 דערקלערט געוואָרען אַלס גלאַט כשר. ווען איינער פון די רבנים האָט געפרעגט פאַרוואָס מען שעכט אַזוי לאַנגזאַם האָט מען זיי געענטפערט, אַז די בהמות ווילען .נישט גיין צו דער שחיטה.

# התאחדות הרבנים קעגען דין תורה וועגען שחיטה

ביי א זיצונג פון התאחדות הרבנים, וואס איז פארגעקומען די וואך, איז באשלאסען געווארען קעגען אפהאלטען א דין־תורה וועגען דער גלאט כשר׳ער שחיטה, ווי דאס האבען געפאדערט עטליכע רבנים נאך די רעוואלאציעס פון דעם „מדריך לכשרות״ וועגען דעם, אז עס זיינען דא ערנסטע שאלות וועגן גלאט כשר׳ער שחיטה. ביי דער אסיפה האט איין פראמינענטער רב פון וויליאמסבורג געפאדערט, אז עס זאל פארקומען א דין תורה, אבער די מערסטע פון התאחדות הרבנים זיינען געוועזן קעגען דעם, אטוויזענדיג, אז אזא דין תורה וועט ארויסרופען א חשש, א זדי באשולדיגונג פון „מדריך לכשרות״ האט א יסוד און צייטונגען וועלען וועגן דעם שרייבען.

אין א צווייטען פאל וואס האט צו טאן מיט שחיטה, איז לעצטע וואך אנטדעקט געווארען, אז א געוויסער האלסעילער פון גלאט כשר׳ער פלייש האט אפגע־נארט קצבים ווען ער האט ארויפגעשטעלט כשר־פלאמבעס אויף טריפה׳נע פלייש. ווי נאר מען האט געכאפט דעם „האל־סעילער״ ביי דעם שווינדעל, האט מען טעלעפאנירט צו די קצבים און זיי אינפארמירט, אז דאס פלייש וואס זיי האבען ביי אים געקויפט איז ניט כשר. די געשיכטע האט ארויסגערופען א גרויסען טומעל און בוטשערס וואס האבען געהאט מיט דעם א שייכות זיינען געלויבט געווארן וואס זיי האבען גענומען געהע־ריגע שריט צו פארהיטן זייערע קליענטען פון דער שטרויכלונג פון עסן טריפה פלייש.